בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# אוֹיפְבּוֹיעֶן קִינְדֶער

אַ הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר עֶלְטֶערְן, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְכוֹת. פוּן זוּנְטָאג פַּרְשַׁת בְּהַעֲלֹתְךָ שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

פוּל מִיט חִיזוּק אוּן עֵצוֹת וְוִי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין אוּן אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן דָאס אִידִישְׁקֵייט אוּן קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן.

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגֶן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָאוֹן הַקָדוֹשׁ

**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵייעֶר תַּלְמִיד וָואס הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

# אוֹיפְבּוֹיעֶן קִינְדֶער

## וואוּיל אִיז עֶנְק מְחַנְּכִים

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים און לֶערֶערִינְס. דֶער פָּסוּק זָאגְט אִין פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ (בַּמִּדְבָּר ח, ו): "קַח אֶת הַלְוִיִּם מִתּוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַּאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: "נֶעם דִי לְוִיִּם פוּן צְווִישְׁן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער". זָאגְט רַשִׁ"י: "קָחֵם בִּדְבָרִים", דָאס מֵיינְט, דוּ זָאלְסְט זֵיי צוּצִיעֶן דוּרְךְ וֵוייכֶע רֵייד, מִיטְ'ן אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען זֵייעֶר חֲשִׁיבוּת, זָאגְנְדִיג צוּ זֵיי: "אַשְׁרֵיכֶם שֶׁתִּזְכּוּ לִהְיוֹת שַׁמָּשִׁים לַמָּקוֹם", וואוּיל אִיז עֶנְק אַז עֶטְץ הָאטְס זוֹכֶה

גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּאדִינֶערְס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֶעט מֶען דָא מוֹרָא'דִיגֶע חִיזוּק פַאר מְלַמְדִים און לֶערֶערִינְס, ווִי חָשׁוּב עֶס אִיז צוּ מְחַנֵךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

שְׁפֶּעטֶער אִין דִי פַּרְשָׁה זָאגְט רַשִׁ"י נָאכְאַמָאל דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ. וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר קֶען נִישְׁט אַלֵיין טְרָאגְן דִי גַאנְצֶע לַאסְט פוּן דִי אִידְן, וַוייל זֵיי הֶערְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אָפְּצוּרֶעדְן, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאפוֹילְן אוֹיפְצוּנֶעמֶען זִיבֶּעצִיג סַנְהֶדְרִין וָואס זָאלְן טְרָאגְן דִי לַאסְט צוּזַאמֶען מִיט אִים, זָאגְט דֶער פָּסוּק (שָׁם יא, טז): "וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט צוּ מֹשֶׁה, "אֶסְפָה לִי שִׁבְעִים אִישׁ", זַאמְל אַיין פַאר מִיר זִיבֶּעצִיג מֶענֶער, "מִזִּקְנֵי יִשְׂרָאֵל וְגוֹ'", פוּן דִי חָשׁוּב'עֶ לַייט פוּן דִי אִידְן, "וְלָקַחְתָּ אֹתָם אֶל אֹהֶל מוֹעֵד", און

דו זָאלְסְט זֵיי נֶעמֶען צוּם אֹהֶל מוֹעֵד, ״וְהִתְיַצְּבוּ שָׁם עִמָּךְ״, זֵיי זָאלְן זִיךְ דָארְט שְׁטֶעלְן מִיט דִיר. זָאגְט רַשִׁ״י: ״קָחֶם בִּדְבָרִים״, דָאס מֵיינְט, דו זָאלְסְט זֵיי צוּצִיעֶן דוּרְךְ וֵוייכֶע רֵייד, מִיטְ׳ן אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען זֵייעֶר חֲשִׁיבוּת, זָאגְנְדִיג צוּ זֵיי: ״אַשְׁרֵיכֶם שֶׁנִּתְמַנִּיתֶם פַּרְנָסִים עַל בָּנָיו שֶׁל מָקוֹם״, ווארויל אִיז עֶנְק אַז עֶטְץ הָאטְס זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיפְגֶענוּמֶען צוּ וֶוערְן אַלְס פִּירֶערְס אוֹיף דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

נָאךְ זָאגְט רַשִׁ״י (שָׁם, פָּסוּק יז) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען מִיט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן פַּארְטְרָאגְן דִי שְׁוֶועריקַייט פוּן דִי אִידְן, וָואס זֵיי שְׁפֵּייעֶן צוּרִיק אוּן הָאבְּן נָאר טַעֲנוֹת אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען טוּט מִיט זֵיי, אוּן זֵיי גֶעלָאזְט וִויסְן דִי גְרוֹיסֶע שְׂכַר וָואס דִי וָואס

הֶעלְפְן אִידְן – בַּאקוּמֶען אִין עוֹלָם הַבָּא (רַשִׁ"י לְהַלָּן כז, כב).

דָאס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג צוּ ווִיסְן פַאר אַלֶע וָואס אַרְבֶּעטְן אִין 'חִינוּךְ'; מְלַמְדִים, לֶערֶערִינְס, מְנַהֲלִים, מְנַהֲלוֹת אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע וָואס הָאבְן אַ שַׁיְיכוּת מִיט חִינוּךְ; אַלֶע דַארְפְן ווִיסְן דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן זֵייעֶר פָּאסְטְן, אַז זֵיי זֶענֶען בַּאדִינֶער פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## יֶעדֶעס וָוארְט גֵייט אַרַיין אִין זֵיי

עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער, זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל שְׁפִּירְט מֶען ווִי מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן מֶען זֶעט נִישְׁט דִי דִיבּוּרִים זָאלְן עֶפֶּעס אוֹיפְטוּן, מֶען טְרַאכְט 'ווִיפִיל מָאל דַארְף אִיךְ עֶס אִיבֶּערְזָאגְן? וֶוען גֵייעֶן דִי

קינדער שוין הערן וואס איך רעד?!' און אַסאַך מאל טראכט מען 'אפשר בין איך נישט אַ גוטער מחנך?' 'אפשר בין איך נישט אַ גוטע לערערין?'

דערפאר דארף מען אַסאַך חיזוק אויף דעם, צו וויסן אַז יעדעס וואָרט וואס מען רעדט צו די קינדער גייט אַריין אין זיי, די קינדער וועלן עס סוף כּל סוף אָננעמען, אַסאַך מאל נעמען זיי עס אָן גלייך און אַסאַך מאל שפּעטער.

## אַן הבטחה פונעם אייבערשטן

ווען מען רעדט צו קינדער - הערן זיי אויס, דאס איז אַן הבטחה פונעם אייבערשטן; ווען דער אייבערשטער האט געזאָגט פאר משה רבינו: "דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", גיי רעד צו די אידן - ליגט אין דעם אַן

הַבְטָחָה, יעדעס מָאל וָואס אַ רֶבִּי, אַ מְלַמֵד, אַ לֶערֶערִין, אַ מְחַנֵךְ, אַ מְחַנֶכֶת וְכַדוֹמֶה - רֶעדְט צוּ מֶענְטְשְׁן, סַיי עֶלְטֶערֶע און סַיי יוּנְגֶערֶע - נֶעמֶען זֵיי עֶס אָן, אֲפִילוּ מֶען זֶעט דָאס נִישְׁט גְלַייךְ.

## רֶעדְן מִיט שֵׂכֶל און דַעַת

עֶס אִיז אָבֶער דָא צַייטְן וָואס דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיף קַיין שׁוּם פַּאל אָנְנֶעמֶען וָואס מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי, אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיף שְׁפֶּעטֶער, אוֹיב מֶען רֶעדְט עֶס נִישְׁט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, מֶען זָאגְט נִישְׁט אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער מִיט שֵׂכֶל, דַאן קֶען זַיין אַז דִי גַאנְצֶע דְרָשָׁה אִיז גֶעוֶועןן סְתַּם אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן צַייט, דִי גַאנְצֶע פִּרְקֵי אָבוֹת וְכַדוֹמֶה, דִי גַאנְצֶע שִׁיעוּר וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ פָּארְגֶעקוּקְט - אִיז סְתַּם גֶעוֶוען אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן צַייט,

וַוייל מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט שֵׂכֶל און דַעַת (עַיֵין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כט).

וָואס הֵייסְט רֶעדְן מִיט שֵׂכֶל און דַעַת? מֶען זָאל רֶעדְן פַּאזֶעטִיוו; אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֶעבְּט מוּסָר, אֲפִילוּ וֶוען מֶען זָאגְט פַּאר קִינְדֶער וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן - דַארְף עֶס אוֹיךְ צוּגֵיין מִיט אַ פַּאזֶעטִיוְוקֵייט, דַאן וֶועלְן עֶס דִי קִינְדֶער זִיכֶער אָנְנֶעמֶען, אֲפִילוּ מֶען זֶעט נִישְׁט גְלַייךְ וִוי זֵיי נֶעמֶען עֶס אָן.

## רַאטֶעוֶועְן זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן

אוֹיף דֶעם בִּין אִיךְ עֶנְק גֶעקוּמֶען מְחַזֵק זַיין, מֶען הַאלְט שׁוֹין סוֹף יָאר, (עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן גֶעצֵיילְטֶע וָואכְן צוּ עֶנְדִיגְן דָאס יָאר) יֶעצְט קֶען מֶען נָאךְ אַסַאךְ פַּארְרֶעכְטְן, יֶעצְט קֶען מֶען נָאךְ אַסַאךְ אָנְגְרֵייטְן דִי

קינדער פֿאַר די לעבן; איך ווייס נישט וועלכע קינדער גייען צוריק קומען קומענדיגע יאָר, איך ווייס נישט ווער פֿון די עלטערן גייען באַשליסן אַז זיי וועלן נישט צוריק שיקן אַהער זייערע קינדער קומענדיגע יאָר[1], איך ווייס נישט וואו די קינדער גייען אָנקומען, צו וועלכע סקול; קען זיין מען גייט דאָרט נישט רעדן פֿונעם אייבערשטן, אָדער קען חס ושלום זיין אַז עפּעס וואָרט זיי אָפּ אין לעבן השם ישמרינו, דאַרפֿן די לערערינס טראַכטן 'די פֿאַר מאָל וואָס איך קום נאָך אַריין צו זיי, און די פֿאַר ווערטער וואָס איך גיי נאָך רעדן צו זיי –

1 פֿאַר אונז איז דאָס נאָר אַ מעלה, עס איז גרינגער זיך אָפּצוגעבן מיט אַ קלענערע צאָל קינדער. די רחמנות זענען אָבער די קינדער...

אֶפְשָׁר וֶועט דָאס זַיי שְׁפֶּעטֶער רַאטֶעוֶועןזַייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן׳.

## אַריינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער ׳אֱמוּנָה׳

די מְנַהֶלֶת פְרֶעגְט מִיר, אִין וָואס דַארְף מֶען זִיךְ יֶעצְט – אִין דִי לֶעצְטֶע דְרֵיי וָואכְן פוּן סְקוּל – קָאנְצֶעטְרִירְן, וָואס אִיז דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס מֶען דַארְף זִיךְ פַארְלֵייגְן? דֶער תְּשׁוּבָה דֶערוֹיף אִיז, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען יֶעצְט זֶען אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער ׳אֱמוּנָה׳, גְלֵייבְן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אוֹיפְבּוֹיעֶן די קִינְדֶער

אוֹיךְ דַארְף מֶען זֶען יֶעצְט אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן די קִינְדֶער; מֶען לֶערְנְט דֶעם לִימוּד וָואס מֶען לֶערְנְט, צִי אִיז עֶס עִבְרִי, רֶעכֶענֶען, אוֹיסְלֶערְנֶען שְׁרַייבְּן אָדֶער נֵייעֶן

וְכַדוֹמֶה, אָבֶער דִירֶעקְט און אוּמְדִירֶעקְט דַארְף מֶען גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן!" "דוּ קֶענְסְט יָא!" "דוּ וֶועסְט מַצְלִיחַ זַיין!" "דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט!" "דוּ שְׁרַייבְּסְט שׁוֹין שֶׁענֶער פוּן פָארִיגֶע מָאל און דוּ גֵייסְט קֶענֶען נָאךְ בֶּעסֶער!"

עֶס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער; לֵיידֶער זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטוּבֶּער וואוּ דִי עֶלְטֶערְן הַרְגֶ'עֶנֶען דִי קִינְדֶער, זֵיי הַרְגֶ'עֶנֶען נִישְׁט מִיט דִי הֶענְט, מִיט דִי הֶענְט וָואלְט נָאךְ גוּט גֶעוֶוען, וַוייל דָאס קִינְד כַאפְּט אַ פַּאטְשׁ און גֶעעֶנְדִיגְט, דָאס שָׁאדְט נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק, אָבֶער דָאס אַז עֶלְטֶערְן שְׁרֵייעֶן אוֹיף קִינְדֶער: "מְשׁוּגֶע'נֶע!"...

"צֶעדְרֵייטֶע!"... - דָאס שֶׁעדִיגְט דִי קִינְדֶער אויף אֵייבִּיג רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַז אַ מֵיידְל זָאגְט: "אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵייעֶן", זָאלְט אִיר עֶנְטְפֶערְן: "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ קֶענֶען!" מֶען לֶערְנְט אויס דִי קִינְדֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "זָאג נִישְׁט 'אִיךְ קֶען נִישְׁט' וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ אִיךְ קֶען נִישְׁט, זָאג 'אִיךְ וִויל נִישְׁט', וַוייל אַז מֶען וִויל - קֶען מֶען".

אַז אַ מֵיידְל זָאגְט: "אִיךְ קֶען נִישְׁט רֶעכֶענֶען, אִיךְ הָאבּ שׁוין אַזוֹיפִיל מָאל פְּרוּבִּירְט און עֶס גֵייט נִישְׁט", זָאלְט אִיר עֶנְטְפֶערְן: "פְּרוּבִּיר נָאכְאַמָאל, פְּרוּבִּיר אֶפְשָׁר אויף דֶעם וֶועג, אָדֶער אֶפְשָׁר אויף אַ אַנְדֶערֶע וֶועג".

אַ אינגענערמאַן פֿרעגט מיר: "וואָס זאָל איך טון, מײַן ווײַב האַלט אין איין שרײַען אויף די קינדער 'משוגע'נע!'... 'צעדרייטע!'... די קינדער ווערן געשעדיגט דערפֿון, זאָל איך זיך דערפֿאַר גט'ן?!" זאָג איך אים: ניין; מען גט זיך נישט צוליב דעם, וואָס דען זאָל מען טון, זאָל מען אײַנשפּאַרן די מאַמע אין אַ משוגעים הויז? דאָס איז דאָך אויך נישט קיין עסק, איין זאַך קען מען טון, אין חדר און אין סקול וועט מען זיי העלפֿן, מען וועט זיי אַזויפֿיל מאָל זאָגן: "דו ביסט אַזוי גוט", "דו ביסט אַזוי זיס", "דו ביסט אַזוי געלונגען", "דו ביסט אַזוי וואויל", דאַן וועט זיי שוין נישט שטערן דאָס וואָס זיי הערן אינדערהיים: "משוגע'נע!"... "צעדרייטע!"...

קינדער וואָס קומען פֿון שטובער וואו מען לאָזט זיי נישט לעבן, וואו מען לאָזט זיי נישט אָטעמען, מען זאָגט זיי: "דו וועסט נישט קענען חתונה האָבן"... אָדער: "משוגע'נע"... וכדומה, ווערן זייער צעבראָכן ביי זיך, און אַ קינד וואָס איז אינעווייניג צעבראָכן, מיט אַזאַ קינד קען מען שוין גאָרנישט טון, זי וועט נאָר זוכן זיך אָנצוטון מער פּראָסט און מער אויפֿפֿאַלנד. דאָס וואָס מען זעט ליידער קינדער זוכן אַוועקצולויפֿן פֿון די אידישע וועג, דאָס קומט פֿון דעם וואָס מען האָט זיי צעבראָכן.

איך האָב דאָ אַ קינד אין די מוסד, אַ עלטערע תּלמידה וואָס זאָגט מיר שטילערהייט: "איך גיי אָפּלאָזן אידישקייט, איך גיי זיך אויסטון מיין צניעות"; עס איז אַזאַ רחמנות, זי איז אַ טייער קינד,

נאָר זי זעט יעדן טאָג ווי טאַטע מאַמע שלאָגן זיך העַנט און פּיס, די מאַמע שרייט: "איך גיי זיך גט'ן", דאָס איז איר גאַנצע לעבן, זי הערט אירע עלטערן רעדן פון זיך גט'ן, "וואו גייסטו גיין, וואו גיי איך גיין און וואו גייען די קינדער גיין?" אַזאַ קינד וויל שוין פון גאָרנישט הערן, רחמנא לצלן.

## קען זיך נישט האַלטן קיין 'שלום בית'

קינדער וואָס ווערן נעבעך צעבראָכן אינדערהיים און אין סקול, זענען נעבעך געשעדיגט פאַר זייער לעבן, שפּעטער ווען זיי האָבן חתונה קען זיך נישט האַלטן קיין 'שלום בית' ביי זיי וויבאַלד זיי האַלטן נישט פון זיך, אַלעס גייט צו מיט חשבונות און קאָמפּלעקסן, זיי האַלטן אין איין טראַכטן: 'איך בין יאָ גוט אָדער נישט גוט?' דערפאַר דאַרף מען יעצט שנעל

אַרײַנְכַאפְּן אִין דִי לֶעצְטֶע פָּאר וָואכְן פוּנֶעם יָאר אויפְצוּבּויעֶן דִי קִינְדֶער.

עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי אַ שְׁלֶעכְט קִינְד, עַל פִּי תּוֹרָה גֶעבְּט מֶען נִישְׁט קַיין עוֹנֶשׁ פַאר אַ קִינְד, אֲפִילוּ אַ קִינְד זָאל טוּן דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ קֶען מֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּן, וַוייל עֶר אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, מֶען דַארְף אִים נָאר מְחַנֵךְ זַיין. אוּן אֲפִילוּ פוּן דִי דְרַײַצְן יָאר, גֶעבְּט מֶען אויךְ נָאכְנִישְׁט קַיין עוֹנֶשׁ נָאר אַז מֶען הָאט גֶעוָוארְנְט מִיט צְוֵויי עֵדִים; אַ קִינְד אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, אַ קִינְד הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, מֶען דַארְף אויפְבּויעֶן זַיין שֵׂכֶל, נָאכְאַמָאל זָאגְן: ״אַזוֹי טוּט מֶען״, ״אַזוֹי דַארְף מֶען טוּן״, ״דָאס טוּט מֶען נִישְׁט״.

## דיסְצִיפְּלין

מֶען דַארְף אויךְ זַיין שְׁטְרֶענְג אין קְלַאס, עֶס מוּז זַיין דיסְצִיפְּלִין; די לֶערֶערִין דַארְף זָאגְן וִוי אַזוֹי צוּ זִיצְן אִין קְלַאס און אַז מֶען קֶען נִישְׁט שְׁטֶערְן וְכַדוֹמֶה. און אויב אַ מֵיידְל זיצְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף, זָאגְט מֶען אִיר: "מֶען קֶען נִישְׁט אַזוֹי זִיצְן, מֶען דַארְף זִיצְן אַזוֹי", און אַז דָאס הֶעלְפְט נִישְׁט, זָאגְט מֶען אִיר: "אִיךְ גֵיי רֶעדְן צוּ די מְנַהֶלֶת, אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין דָא אִין קְלַאס, אין די קְלַאס זֶענֶען נָאר דָא וואוילֶע מֵיידְלֶעךְ, נָאר גוּטֶע מֵיידְלֶעךְ און נָאר דֶרֶךְ אֶרֶץ'דיגֶע מֵיידְלֶעךְ", דָאס אָרְדֶענוּנְג הֶעלְפְט די קִינְדֶער זֵיי זָאלְן וַואקְסְן גֶעזוּנְט.

אָבֶער דֶער עִיקָר וָואס מֶען דַארְף זֶען יֶעצְט, אִין די לֶעצְטֶע פָּאר וָואכְן פוּנֶעם יָאר, אִיז אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין די קִינְדֶער אַסַאךְ זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט, כְּסֵדֶר זֵיי זָאגְן: "דוּ

קֶענְסְט יָא", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ", "דוּ וֶועסְט מַצְלִיחַ זַיין", "אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פַאר דִיר אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין, אוּן דוּ בֶּעט אוֹיךְ אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין", - דִי אַלֶע שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער וֶועט זֵיי בַּאגְלֵייטְן זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן.

## קוּק אוֹיף מִיר

אַסַאךְ מָאל קֶען זִיךְ דַאכְטְן פַאר אַ לֶערֶערִין אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע מֵיידְל 'זִי דַארְף נִישְׁט מַיין גוּט וָוארְט', וַוייל זִי לַאכְט זִיךְ אוּנְטֶער וֶוען מֶען גֶעבְּט אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער; אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר דָאס מֵיידְל שְׁטֵייט אוּן וַוארְט אַז דִי לֶערֶערִין זָאל קוּקְן אוֹיף אִיר אוּן אִיר עֶפֶּעס זָאגְן. יֶעדֶעס מֵיידְל ווִיל אַז דִי לֶערֶערִין זָאל קוּקְן אוֹיף אִיר, אוּן אַז דִי לֶערֶערִין קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִיר וֶועט זִי אָנְהֵייבְּן שְׁטֶערְן, זִי וֶועט קְלַאפְּן

און מאַכן גרודער, אַלעס כּדי די לערערין זאָל איר אַרויסשיקן פֿון קלאַס און נאָכדעם רעדן צו איר און איבערבעטן וכו׳, דאָס אַלעס קומט פֿון דעם וואָס דאָס קינד וויל איין זאַך פֿון די לערערין: ׳קוק אויף מיר׳, זי וויל נאָר אַז די לערערין זאָל קוקן אויף איר.

## די לערערין שמייכלט צו מיר

אַ תּלמידה האָט מיר געשריבן אין אַ בריוו, זי קען קוים וואַרטן די לערערין זאָל קוקן אויף איר און איר געבן אַ שמייכל, זי שרייבט: ״די איינציגסטע זאַך וואָס מאַכט מיר קומען אין סקול איז אַז די לערערין שמייכלט צו מיר און געבט מיר אַזעלכע שיינע גוטע ווערטער״, דאָס איז געווען זייער אינטערעסאַנט, ווייל פונקט נאָכדעם האָב איך באַקומען אַ בריוו פון איר לערערין, וואו זי שרייבט מיר זי קען זיך נישט קיין עצה

גֶעבְּן מִיט דִי תַּלְמִידָה, דִי תַּלְמִידָה גֶעבְּט אִיר זֵייעֶר אַ אומְבַּא׳טַעֲמְ׳טֶע בַּאנֶעמונְג, זִי מַאכְט אִיר שְׁפִּירְן וִוי זִי אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין אִירֶע גוּטֶע וֶוערְטֶער; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ אַמָאל דַאכְט זִיךְ פַאר אַ לֶערֶערִין אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע תַּלְמִידָה אַז זִי אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין אִיר - אִיז דָאס אָבֶער נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל אַלֶע מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן דִי לֶערֶערִין און וַוארְטְן אוֹיף אִיר שְׁמֵייכְל.

## קינְדֶער זֶענֶען קינְדֶער

אַ לֶערֶערִין שְׁרַייבְּט מִיר, ״פַאר אֵיין תַּלְמִידָה וַוייז אִיךְ אַ פַאלְשֶׁע שְׁמֵייכְל, נָאר וַוייל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז מֶען דַארְף שְׁמֵייכְלֶען צוּ תַּלְמִידוֹת, וַוייל עֶכְט דַארְף זִי מִיךְ נִישְׁט, זִי אִיז דָא זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט מִיר...״ הָאב אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: ׳אִיךְ וֵוייס שׁוֹין נִישְׁט וֶוער

איז דָאס קינד און וֶוער איז די לֶערערין...׳ אֶפְשָר זָאל מֶען עֶס אויפְטוישְן, די לֶערערין זָאל וֶוערְן דָאס קינְד און דָאס קינְד זָאל וֶוערְן די לֶערערין... אַ לֶערערין דַארְף וויסְן ״קינְדֶער זֶענֶען קינְדֶער״, זֵיי קוּמֶען נישְט אין סְקוּל זיך צו קְריגְן מיט די לֶערערין, זֵיי מֵיינֶען גָארְנישְט פֶּערְזֶענְליך קֶעגְן די לֶערערין, דָאס וָואס זֵיי פירְן זיך נישְט אויף ווי עֶס דַארְף צו זַיין - איז צוּליב דֶעם וָואס זֵיי וַוארְטְן אַז די לֶערערין זָאל קוּקְן אויף זֵיי.

קינְדֶער טְרַאכְטְן נישְט וָואס זֵיי טוּעֶן; די לֶערערין דַארְף זַיין זֵייעֶר שְטַארְק מיט זיך, זי דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז זי איז די ׳לֶערערין׳, זי קֶען זיך נישְט צוּטוּן מַאכְן וֶוען אַ מֵיידְל לַאכְט זיך אונְטֶער אָדֶער אַ מֵיידְל בְּלָאזְט אויף איר; אַז אַ מֵיידְל לַאכְט זיך אונְטֶער אָדֶער בְּלָאזְט

וְכַדוֹמֶה - גייט מען וַוייטער אָן מיטן טאָג, מען מַאכט
וַוייטער פְרֵיילִיך די תַּלְמִידוֹת.

## קינדער זוכן נישט צו באַזיגן אַ לערערין

איינע פון די לערערינס רופט מיר יעדן טאָג מיט גֶעוֵויין, די פּאַלט שוין פון אירע כֹּחוֹת, די שפירט אויף אַ גֶעוויסע מיידל אַז זי וויל איר בַּאזיגן, צום בּייִשפּיל, יעדע שפּיל וואס זי וויל שפּילן מיט די מיידלעך מַאכט יענע מיידל אַוועק, ווען זי זאָגט: "מען גייט יעצט טאַנצן" - רופט זי זיך אָן: "איך טאַנץ נישט", ווען זי זאָגט: "מען גייט יעצט זינגען" - רופט זי זיך אָן: "איך זינג נישט מיט" וְכוּ'; דאָס איז אָבער אַ פאַלשע מַחֲשָׁבָה, וַוייל קינדער זוכן נישט צו בּאַזיגן אַ לערערין. מיין טאָכטער האָט איין טאָג איבּערגענומען יענע קלאַס, זאָגט זי מיר אַז זי האָט נאָכנישט געזען אַזעלכע

טייערע תּלמידות, אַלע זענען וואויל; וואָס דען? מען דאַרף וויסן אַז יענע מיידל זוכט מער אויפֿמערקזאַמקייט פֿון אַנדערע מיידלעך, זי האָט שווערערע נאַטורן ווי אַנדערע; אָבער איר שלעכטע אויפֿפֿירונג איז נישט געצילט קעגן די לערערין.

## פֿאַרוואָס פֿערזענליך?

פֿאַרוואָס זאָל אַ לערערין נעמען אַזאַ סאָרט אויפֿפֿירונג פֿערזענליך? ווי אַזוי וועט זי קענען זיין אַ מאַמע ווען זי גייט חתונה האָבן? אַ מאַמע קאָכט אַ גאַנצן טאָג נאַכטמאָל פֿאַר די קינדער, נאָכמיטאָג שפּרינגען זיי אַראָפּ פֿון באַס פֿרעגנדיג: "וואָס איז היינט דאָ פֿאַר נאַכטמאָל?" ווען מען ענטפֿערט זיי, זאָגן זיי צוריק פֿאַר די מאַמע: "דאָס גייט זיין היינט פֿאַר נאַכטמאָל?! פֿעך! איך האָב דאָס נישט ליב!"

וָואס קֶען מֶען טוּן אִין אַזאַ פַאל, אַרײַנְגֵיין אִין אַ צִימֶער וֵויינֶען? יֶעדֶע מַאמֶע וֶועט פְּרוּבִּירְן צוּ טְרַאכְטְן מִיט חָכְמָה אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי דָאס קִינְד וָואס הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף דִי עֶסְן ״פֶעךְ!״ זָאל זִיךְ יֶעצְט בַּאלֶעקְן דֶערְמִיט, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אִין סְקוּל, דִי לֶערֶערִין דַארְף טְרַאכְטְן מִיט חָכְמָה אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע מֵיידְל פוּן קְלַאס זָאל הַנָאָה הָאבְּן פוּן דִי שְׁפִּיל.

אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶע פוּן דִי לֶערֶערִינְס: ״וֶוען אִיר זֶענְט גֶעוֶוען אַ קִינְד הָאט אִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ: ׳פֶעךְ׳?״ אַוַודַאי הָאט אִיר אַזוֹי גֶעזָאגְט, וַוייל דָאס זֶענֶען קִינְדֶער, דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ, אַוֶועקְצוּמַאכְן יֶעדֶע זַאךְ, אוּן עֶס גֶעשֶׁעט גָארְנִישְׁט וֶוען זֵיי זָאגְן דָאס.

## זיי גייען שפּעטער ווערן לערערינס

געדענקט אַז די שווערע קינדער גייען שפּעטער ווערן לערערינס, זיי גייען זיך באַלד אָפּגעבן מיט אייערע קינדער, וואָס וועט איר טון ווען זיי וועלן זיך מוטשען מיט אייערע קינדער?!

## די קינדער האָבן זיך נישט אָפּגעשמועסט

אַ לערערין דאַרף געדענקען אַז ווען אַ קינד בלאָזט – איז דאָס נישט קיין אָפּגעשמועסטע זאַך, די קינדער האָבן זיך נישט אָפּגעשמועסט 'מאָרגן ניין אַזייגער וועט מען בלאָזן אויף די לערערין'... דאָס קינד האָט ווייטער ליב די לערערין, און זי וואַרט ווייטער אויף איר שמייכל און גוט וואָרט.

אַ גרויסן יִישַׁר כֹּחַ פאַר די שײנע יאָר וואס איר האָט אַהער געשטעלט פאַר די תלמידות. איך בעט אײַך איר זאלט מאַכן די פלענער אויפ׳ן קומענדיגן יאָר, צי איר זענט גרייט ממשיך צו זיין אויף ווייטער לערנען מיט די תלמידות. און דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן האָבן הצלחה.

דער אייבערשטער זאל אײַך געבן כח איר זאלט קענען אָנגיין מיט אײַער הייליגע אַרבעט, און אין דעם זכות זאלט איר זען נחת בײַ אײַערע קינדער געזונטערהייט.

# הספר
# הקדוש הזה

נדפס לטובת נשמת בעל מחבר
של הספר הזה מאור עינינו,
חיות נפשינו, עטרת ראשינו, כבוד
קדושת מרן הגה"ק רבי

# אליעזר שלמה

בן רבי

# מנחם זאב

זצוקללה"ה
נלב"ע י"ד שבט תשע"ה

**ת.נ.צ.ב.ה.**

# הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מורינו **ראש הישיבה** שליט"א

וזוגתו

**אסתר גיטל** תחי',

וילדיהם

**שלמה** ומשפ',

**אלחנן חיים** ומשפ',

**מרים העניא זיסל** ומשפ',

**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**

**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא

את כל משאלות לבם לטובה

ויתברכו מפי עליון

בבני חיי ומזוני רוויחא

ויזכו לרות רוב נחת דקדושה

מכל יוצאי חלציהם

אמן כן יהי רצון

# הספר הקדוש
# הזה נדפס לזכות

## יחזקאל בן רחל פיגא נ״י
## וזוגתו
## הענדל בת שיינדל תחי׳

# וילדיהם

## נחמן נתן, אדל מלכה, שרה.

**הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, אמן כן יהי רצון.**

## נתנדב לזכות תלמידי כיתה ח׳
## של תלמוד תורה היכל הקודש
## וויליאמסבורג

**יוסף סאלז, אליעזר שלמה מזרחי, שמעון פארקאש, אשר רייך, אלי' לאנדא, נחמן נתן מזרחי, אברהם גריקא, נחמן נתן רוטה, שמעון רוטה, שמואל דוד איצקאוויטש, אפרים וויינבערגער, ישראל פריעדריך, משה דוד סאלי.**

**הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויזכו להתעלות בתורה ותפלה ויראת שמים, ולהיות צדיקים, אמן כן יהי רצון.**

בס״ד


בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ׳ן ראש ישיבה
הרה״ג ר׳
יואל רוטה
שליט״א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718•387•2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com